# שַׁבָּת

# הַחֹדֶשׁ

# מְ'דַארְף זִיךְ בַּאנַייעֶן

נערך ע״י המחנך
ר׳ א. אהרן פילטשיק

א) דֶער אוֹיבִּישְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן אִין מִצְרַיִם "הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים" דָאס מֵיינְט אַז חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי הוֹיפְּט פוּן אַלֶע חֳדָשִׁים.




ב) פוּן בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָאט גָ–ט גֶעהֵיילִיגְט דִי חֳדָשִׁים אָבֶּער פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם הָאט גָ–ט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן אַז פוּן הַיינְט זָאלִין זֵיי אוּן אַ בֵּית דִין הֵיילִיגֶען דִי נַייע חֳדָשִׁים.

ג) אִין דִי אָנְהֵייבּ פוּן דִי חוֹדֶשׁ אִיז דִי לְבָנָה זֵייעֶר קְלֵיין, יֶעדֶער טָאג וֶוערְט עֶר גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער בִּיז אִין מִיטֶען חוֹדֶשׁ אִיז עֶר אַ גַאנְצֶע קַיילַאךְ (עִיגוּל) פוּן דָאס מָאל הֵייבְּט עֶר אָן וֶוערִין



קְלֶענֶער בִּיז דִי עֶנְדֶע פוּן דִי חוֹדֶשׁ קֶען מֶען עֶם שׁוֹין נִישְׁט זֶען.

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

אַלֶע מֶענְטְשִׁין פְּלֶעגִין אָנְהוֹיבִּין צוּ




קוּקֶען וֶוער

וֶועט זֶען דִי

נַיֶיע לְבָנָה,

וֶוער עֶס

הָאט גֶעזֶען

דִי נַיֶיע לְבָנָה אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ

יְרוּשָׁלַיִם צוּ בֵּית דִין,

בֵּית דִין הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת צוּ



מַאכִין זִיכֶער אַז

זֵיי הָאבִּין גֶעזֶען

דִי נַיֶיע לְבָנָה

נִישְׁט אַ לִיכְט

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

אָדֶער אַ שְׁטֶערין און וֶוען בֵּית דִין זֶעט

אַז עֶס אִיז רִיכְטִיג שְׁטֵייעֶן זֵיי אוֹיף און




רוּפֶען אוֹיס

"מְקוּדָשׁ

מְקוּדָשׁ" און

אַזוֹי וֶוערְט

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ.

אַז אַלֶע מֶענְטְשִׁין זָאלין וִויסֶען אַז עֶס אִיז

גֶעוָוארין רֹאשׁ

חוֹדֶשׁ פְלֶעגְט בֵּית

דִין שִׁיקֶען אֵיינֶער

אוֹיף אַ הוֹיכֶע בַּארְג



• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

אוּן אָנְגֶעצוּנְדֶען אַ גְרוֹיסֶע פַייֶער אוּן גֶעשָׁאקְלְט



אַהִין און

אַהֶער בִּיז

עֶר הָאט

גֶעזֶען אַז

וַוייט

אַוֶועק צִינְדְ מֶען אָן נָאךְ פַייעֶר'ס בִּיז עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט פַייעֶר'ס אוֹיף אַלֶע בֶּערְג.

ד)וֶוען הִלֵל הַזָקֵן הָאט גֶעזֶען אַז דִי אִידִין גֵייעֶן אִין גָלוּת אוּן זֵיי הָאבִּין נִישְׁט קַיין בֵּית דִין הָאט עֶר גֶעהֵיילִיגְט

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע

אַלֶע חֳדָשִׁים בִּיז מָשִׁיח וֶועט קוּמֶען אוּן
עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ לוּח וֶוען עֶס קוּמְט
אוּיס רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בִּיז בְּעֶזְרַת ה׳ וֶועלִין
מִיר אַלֶע הֵיילִיגֶען דִי חוֹדֶשׁ צוּזַאמֶען
מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ
בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע